ד. עס איז איינגעפירט לאחרונה, אז בעת דעם פארברענגען לערנט מען א פסוק חומש מיט רש"י.

מ'איז אויך געבליבן שולדיק א רש"י פון פרשת ויחי, וואס מען האט ניט פארענטפערט די קושיות, און צווישן די וועלכע האבן אריינגעשריבן תשובות אויף דער רש"י, זיינען געווען אזוינע וואס האבן די רש"י פארבונדן מיט א רש"י אין פרשת וארא,

און דאס איז וואס אויף דעם פסוק ותעל הצפרדע (ח,ב) איז רש"י מפרש: "צפרדע אחת היתה והיו מכין אותה והיא מתזת נחילים נחילים, זהו מדרשו. ופשוטו יש לומר שרוץ הצפרדעים קורא לשון יחידות, וכן ותהי הכנם הרחישה פדולירא בלע"ז ואף ותעל הצפרדע גרינולירא בלע"ז".

וואס פריער

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

וואס פריער טייטשט רש"י, אז דאס מיינט דעם שרוץ און די רחישה, און וויבאלד דאס איז א שווערער ווארט פאר דעם קינד צו פארשטיין, טייטשט דאס רש"י אויך בלשון צרפת, וואס דאס איז דער אָרט וואו רש"י איז געווען.

וואס אין דער רש"י שטעלט זיך אויך די זעלבע קשיא ווי אויף דער רש"י אין פרשת ויהי עה"פ כי באפם הרגו איש (מט,ו): פארוואס איז דא רש"י מהפך ווי זיין סדר פון איבעראל, און איז מקדים דעם פירוש ע"פ דרוש איידער ער ברענגט דעם פירוש ע"פ פשט,

ענינו של רש"י איז דאך צו מפרש זיין פשוטו של מקרא, ווי רש"י אליין זאגט "אני לא באתי אלא לפרש פשוטו של מקרא", מער ניט ווען דער פירוש ע"פ הפשט איז ניט מספיק, דעמאלט מוז רש"י אנקומען אויך צו א פירוש ע"פ דרוש. דער עיקר פירוש בלייבט אבער דער פירוש ע"פ פשט, וואס דערפאר איז איבעראל ברענגט רש"י פריער דעם פירוש עפ"י פשט.

דארף מען פארשטיין, פארוואס ברענגט דא רש"י פריער דעם פירוש פון "מדרשו", און דערנאך זאגט ער "ופשוטו"?

ב) בשעת רש"י ברענגט דעם פירוש עפ"י פשט זאגט ער "יש לומר שרוץ הצפרדעים כו'", פארוואס זאגט עס ניט רש"י מיט א פשיטות, נאר ער זאגט "יש לומר"?

די קשיא ווערט נאך שטארקער: רש"י ברענגט דא א ראי' לפירושו פון "ותהי הכנם", אז אזוי ווי דארטן גייט דאס אויף די רחישה, איז אזוי אויך דער טייטש פון ותעל הצפרדע - שרוץ הצפרדעים, און אויף "ותעל הכנם" טייטשט עס רש"י אפ מיט א פשיטות און לייגט ניט צו די ווערטער "יש לומר",

איז ממה-נפשך: אויב דארטן טייטשט אזוי רש"י מיט א פשיטות, פארוואס קען מען ביי אונז אזוי ניט לערנען בפשיטות, און אויב דא איז דאס נאר "יש לומר", פון וואנען נעמט רש"י, אז דארטן ביי "ותהי הכנם" מיינט עס אזוי מיט א פשיטות?

ג) וואס דארף בכלל רש"י אנקומען דא צו דיביידע פירושים, ער האט דאך געקענט מפרש זיין בפשטות, ווי ער זאגט אין פרשת וישלח עה"פ "ויהי לי שור וחמור - דרך ארץ לקרוא לשוורים הרבה שור", ווייל עס איז איין מין, און דארטן ברענגט ער דערצו ניט קיין שום ראיות. וואלט רש"י ביי אונז אויך אזוי געקענט לערנען, אז הגם ס'זיינען געווען א סך צפרדעים זאגט ער א לשון יחיד, ווייל ער באציט זיך אויף דעם מין הצפרדע?

געגומען מיט חסידות, ועד"ז בשעת מ׳לערנט חסידות זאל זיין קענטיק אז דאס איז אזא וואס ותלמודו בידו, נגלה דתורה.

איצטער וועט מען מבאר זיין דעם פירש"י הנ"ל עה"פ "והעל הצפרדע", וואס אין דער רש"י איז דא בגלוי דער חלק הדרוש;

לכאורה איז ניט פארשטאנדיק, כנ"ל, פארוואס קען דא רש"י ניט מבאר זיין, בדוגמת ווי ער טייטשט אפ אין פ׳ וישלח דעם פסוק "ויהי לי שור וחמור – דרך ארץ לקרוא לשורים הרבה שור", אז דא רופט דער פסוק אן א סך צפרדעים – צפרדע, און פארוואס מוז ער זאגן צוויי אנדערע פירושים.

איז דער ביאור אין דעם:

אין דער פרשה ווערט אויסגערעכנט עלף מאל צפרדעים, צען מאל שטייט "צפרדעים", לשון רבים, און איין מאל שטייט "צפרדע", לשון יחיד,

איז אויב מ׳זאל זאגן אז דערפאר שטייט "צפרדע" לשון יחיד, ווייל ער באציט זיך אויף דעם כללות מין הצפרדע, וואלט דאך אזוי גע-דארפט שטיין די איבעריקע צען מאל אויך, און ניט נאר איין מאל, ובפרט אז דאס איז ניט בהתחלת הענין און ניט בסיום הענין נאר אינמיטן דוקא, מוז מען זאגן אז ניט דאס איז דער טעם, דערפאר מוז רש"י אנקומען צו די בײדע פירושים וועלכע ער ברענגט:

"צפרדע אחת היתה והיו מכין אותה והיא מתזת נחילים נחילים, זהו מדרשו", אז אין אמת׳ן איז געווען נאר איין צפרדע און די מצריים האבן דאס געוואלט פארטרייבן, האבן זיי דאס געקלאפט, איז ארויסגעקומען נחילים נחילים פון צפרדעים,

וואס דערפון קומט ארויס נאך אן ענין וואס מפרשים שטעלן זיך ניט אויף דעם, אז "ותעל הצפרדע" וואס שטייט דא אין פסוק, באציט זיך ניט נאר אויף די איינע צפרדע אליין, נאר אויך אויף די נחילים נחילים של צפרדעים וואס זיינען פון איר ארויסגעקומען. ווארום אין די ווערטער "ותעל הצפרדע" ליגט צוויי טייטשן: א) די צפרדע איז ארויף, ב) די צפרדע האט געמאכט (אנדערע צפרדעים) ארויף גיין. ד.ה. אז ס׳איז סיי בלשון פועל און סיי בלשון התפעל, ובמילא שטייען בײדע זאכן וואס רש"י זאגט אין פסוק, סיי דאס וואס "צפרדע אחת היתה" און אויך אז "והיא מתזת נחילים נחילים".

דערמיט ווערט אויך פארענטפערט א סתירה וואס שטעלט זיך דא אין די פסוקים: פריער האט דער אויבערשטער געזאגט צו אהרן "והעל את הצפרדעים" (ח,א), און לפועל איז געווען נאר "ותעל הצפרדע", איין צפרדע?

נאר עפ"י הנ"ל איז פארשטאנדיק, ווייל דער "ותעל הצפרדע" מיינט אויך אז עס זיינען געווארן נחילים נחילים של צפרדעים.

דער פירוש אליין איז אבער ניט מספיק, ווארום לפירוש זה מוז מען לערנען דעם פסוק בב׳ אופנים, און ס׳איז שווער לערנען אין פשוטו של מקרא איין ווארט בב׳ אופנים. דעריבער מוז רש"י אנקומען צו נאך א פירוש, און יענעם פירוש רופט אן רש"י "פשוטו".

און דא איז אויך רש"י מדייק און זאגט ניט פשוטו של מקרא, נאר פשוטו, ווייל פירוש זה איז בעסער נאר אין ווארט ותעל הצפרדע (אויף וועלכע רש"י שטעלט זיך), אבער בכללות הענין איז דער ערשטער פי׳ בעסער, וואס דערפאר איז ער טאקע אלס ערשטער פשט. עס איז אבער פארט דרש, ווייל לפירוש זה איז שווער "ותעל הצפרדע", משא"כ לפי׳ הא׳, וואס

הנחת הת׳ בלתי מוגה

וואס דער צווייטער פירוש איז: "ופשוטו יש לומר שרוץ הצפרדעים קורא לשון יחידות".

רש"י מוז אבער ברענגען א ראי' צו דעם פשט פון "וכן ותהי הכנם הרחישה", ווארום בפשטות איז שווער צו זאגן אז צפרדע זאל מיינען דעם שרוץ הצפרדעים, ווייל בכלל אין א ווארט וואס דריקט אויס א ענין ע"ד ווי שרוץ, איז ניט קענטיק קיין פרטיות'דיקער מין. ע"ד ווי דער לשון זורע זרע, זעט זיך ניט אן אין דעם ווארט וואס פארא זרע דאס איז און עס איז כולל אין זיך כמה וכמה מינים פון פירות, תפוחים וכו'. אדער דער לשון פרו ורבו, וואס דאס איז אויך אן ענין כללי וואס איז כולל סיי מענטשן און סיי בעלי חיים,

אזוי אויך בשעת מ'וויל זאגן א ווארט וואס זאל מיינען דעם ענין השירוץ, דארף אין דעם ווארט ניט זיין קענטיק וועגן וועלכן מין עס רעדט זיך, און עס דארף זיין א ווארט וואס זאל כולל זיין א סך מינים, וואס דערפאר איז שווער צו לערנען אז "הצפרדע" מיינט "שרוץ", ווייל דעמאלט איז עס א לשון שרוץ וואס מ'קען זאגן נאר אויף צפרדעים,

וואס דערפאר מוז רש"י ברענגען א ראי' צו דעם פירוש, אז מען געפינט אזוי אין נאך אן ארט, ביי "ותהי הכנם", וואס דארטן מיינט עס אויך "הרחישה", וואס רחישה איז אויך אן ענין כללי און אעפ"כ טייטשט מען דארט אז דער "ותהי הכנם" גייט אויף דער רחישה.

לפי"ז איז אבער ניט פארשטאנדיק פארוואס מוז דא רש"י זאגן דעם לשון "יש לומר שרוץ הצפרדעים כו'" און ער זאגט דאס ניט מיט א פשיטות, און ביי "ותהי הכנם" נעמט רש"י אן מיט א פשיטות אז דארט איז אזוי דער פירוש?

איז דער ביאור בזה:

בשעת מ'וויל זאגן כנים בלשון יחיד, זאגט מען כנה, און בל' רבים זאגט מען כינים, און אין יענעם פסוק שטייט מיט א שינוי, עס שטייט "ותהי הכנם" - איז דער שינוי מכריח צו לערנען אז דא איז דער פירוש אנדערש ווי איבעראל, דעריבער לערנט רש"י אז דאס מיינט "הרחישה".

משא"כ ביי צפרדע איז דאך ניטא קיין שינוי לשון אין פסוק, נאר עס שטייט סתם "צפרדע" לשון יחיד, דעריבער זאגט רש"י נאר בלשון "יש לומר".

דער פירוש המדרש אבער ברענגט רש"י פריער, ווייל, כנ"ל, איז עס בעסער בכללות הענין, און אויך ווייל דער פשטות הלשון פון צפרדע איז לשון יחיד, איין צפרדע, ווי דער ערשטער פירוש טייטשט צפרדע אחת היתה. וויבאלד אבער אין אים איז פאראן א שוועריקייט, מוז מען אנקומען אויך לפירוש הב'. דאס איז אבער ניט דער עיקר פירוש, ווארום גלאטיקער אין פשוטו של מקרא איז דער ערשטער פירוש, אעפ"י אז דער צווייטער פי' איז פשוטו - ווארום פשוטו איז עס נאר בנוגע צום לשון ותעל הצפרדע.

און דא קומט מען צו די יינה של תורה וואס איז באהאלטן אין רש"י:

עס איז פאראן א כלל, אז המהחיל במצוה אומרים לו גמור, ביז אז אויב ניט, שטייט אויף דעם שווערע לשונות,

אויב אבער מצד איזו סיבה שתהי' ווייס ער אז ער וועט ניט קענען גומר זיין, אעפ"כ דארף ער אנהויבן,

ווי מ'געפינט ביי משה'ן, אז ער האט מבדיל געווען די שלש ערי מקלט אין עבר הירדן, ווי עס שטייט "אז יבדיל משה שלש ערים", ניט קוקנדיק

קוקנריק אויף דעם וואס ער האט געוואוסט אז די דריי וועלן ניט קולט-זיין ביז מ'וועט מאכן די אנדערע דריי בכניסתם לארץ, וואדום אמר משה מצוה שאפשר לקיימה אקיימנו.

און אין די צוויי ענינים הנ"ל זיינען תלוי די ביידע פירושים דא אין רש"י:

לויט דעם ערשטן פירוש קומט אויס, אז אהרן האט אפגעטאן דעם גאנצן ענין מתחילתו ועד סופו, ווארום סיי די צפרדע אחת איז געקומען על ידו, און סיי אלע צפרדעים זיינען ארויסגעקומען פון זיין פעולה, ווייל ער האט געקלאפט די צפרדע און היתה מתזת נחילים נחילים,

לויט דעם צווייטן פירוש אבער קומט אויס, אז אהרן איז געווען מער ניט ווי דער מתחיל. דורך דעם וואס ער האט אויסגעפירט דעם "נטה ידך", איז שפעטער בדרך ממילא געקומען דער שירוץ הצפרדעים.

די הוראה דערפון איז:

ניט אז מ'זאל טראכטן, וואס איז די פעולה אז ער וועט אנהויבן אויפטאן מיט איינעם, ווער ווייס צי וועט ער מיט אים אויפטאן, און ווער ווייס וואס וועט זיין שפעטער. זאגט מען אים, אז ער דארף אנהויבן טאן, און זיך ניט אריינלאזן אין חשבונות, בהדי כבשא דרחמנא למה לך, דאס איז ניט זיינע געשעפטן.

א איד דארף נאר וויסן אז ער דארף טאן מיט א צווייטן אידן וויפל נאר ער קען, ושננתם לבניך אלו התלמידים, און אויב נאר ער קען מיט עפעס מערער פאר יענעם, דארף ער שוין לערנען מיט יענעם, און דעמאלט ווערט מחשבה טובה הקב"ה מצרפה למעשה - אז עס וועט טאקע אראפקומען למעשה,

און בשעת מ'טוט, זאל דאס זיין מתוך שמחה, וואס דעמאלט וועט ער זיבער אויספירן. כידוע דער ווארט פון כ"ק מו"ח אדמו"ר, אז בשעה מ'גייט אין מלחמה גייט מען מיט א מארש של נצחון.

אעפ"י אז אל יתהלל חגר כמפתח, איז ווי קען ער גיין מיט נצחון בשעה אז דערווייליע ווייס ער נאך ניט ווי עס וועט זיין, נאר דאס גופא וואס ער גייט בבטחון גמור אז ער וועט מנצח זיין, גיט עס צו און העלפט ארויס און מאכט גרינגער דעם נצחון.

ועי"ז וואס מ'וועט עס טאן בשמחה ובטוב לבב, וועט זיין שמחה פורץ גדר, גדרו של עולם, און דאס ברענגט די גאולה, אז איין איד לייזט אויס א צווייטן אידן אין רוחניות, און דורך דעם וועט מען אויף פועל'ן די גאולה כללית, די גאולה שלימה בביאת משיח צדקנו.

השמטה לסוף ע' ג':

איצטער אבער איז עס אינגאנצן נשתנה געווארן מן הקצה אל הקצה אין ענינים יסודיים. עס איז אן אנדער צייט, אן אנדער פלאץ וכו'. דעמאלט איז געווען א צייט וואס עס זיינען געווען ווילדע פעלקער, משא"כ איצטער האט זיך דער מצב אינגאנצן געביטן - איז פארוואס זאל מען איצטער דארפן מקיים זיין אט די זעלבע מצות וואס זיינען דעמאלט געגעבן געווארן,

<u>תיקון טעות</u>: בשיחת ש"פ מקץ, בע' יב, שורה המתחלת ניט, תיבת ניט מיותר.

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>